זעקסטער נומער

יולי 1920

ערשטער יאהר

ערשטער באנד



מאנאטליכער זשורנאל

פאר אינטערנאציאנאלער ליטעראטור

ארויסגעגעבן פון דער גרופע

[illegible]

פרייז 25 סענט

נומ' 6
(יולי 1920)

א. לעיעלעס :

# דער פרייער פערז

אמאל זיינען פּאעזיע און מוזיק געווען איין קונסט. אין דער אלטער גריכענלאנד, וועלכע איז געווען אזוי רייך אין דער אנטוויקלונג פון פארשידענע קונסטען, האט די פּאעזיע, דראמאטישע און עפּישע, פאקטיש פארביטען די מוזיק. די לידער זיינען געלעזען און דעקלאמירט געווארען אזוי, אז זיי האבען געגעבען דעם איינדרוק פון א מעלאדיע. עס איז געווען א ספּעציפישע מוזיק, און אט די ספּעציפישקייט איז עפּשער פאראנטווארטליך דערפאר, וואס אין גריכענלאנד איז אזוי וועניג אנטוויקעלט געווארען די אייגענטליכע מוזיק.

די גריכישע און שפּעטער די רוימישע פּאעזיע איז געווען זעהר שטרענג צו איהר קלאנגען־עלעמענט. די מעלאדישע עפעקטען, וואס זיי פלעגען דערגרייכען דורך שטרענג אויסגעהאלטענע מעטרען, האבען זיך צומאל ווינציג גערעכענט אפּילע מיט דעם זין. דער נאטירליכער אקצענט פון דעם ווארט האט קעמאט ניט געשפּילט קיין ראלע. דער גאנצער ריטם איז געבויט געווארען אויף דער קאמבינאציע פון לאנגע און קורצע זילבען און דאס, מיט דער אנוועזענהייט פון א רעגעלמעסיגער צאהל זילבען אין יעדער שורע, האט ארויסגערופען דעם שלאנקען, סאלידען קלאסישען ריטם, וועלכער האט באגייסטערט די צוהערער פון דער אנטיקער דראמע. איך זאג צוהערער, ווייל די גריכישע און רוימישע אודיענצען זיינען ווירקליך מעהר און עפטער געקומען אין טעאטער צו הערען איידער צו זעהן, א שטייגער, ווי מען קומט איצט צו א קאנצערט און אויך טיילווייז צו דער אפּערא.

די ראמאנישע שפּראכען האבען גענומען בויען זייער ריטמישקייט אין דער פּאעזיע אויף דעם אקצענט. דאס האט באשאפען די אונז באקאנטע מעטרען און פערזען־סטרוקטורען. שפּעטער האט אויך דער דאזיגער פּרינציפּ געבראכט צו דעם גראם, וואס איז דאך ניט מעהר ווי א קאמבינאציע פון אזוינע אקצענטירטע ווערטער, וואו די שלוס־וואקאלען און קאנסאנאנטען זיינען גלייך.

אין די ראמאנישע שפּראכען (איטאליעניש, שפּאניש, פּראוואנסאל, פראנצויזיש) האבען די דיכטער אויך אכטונג געגעבען אויף דער צאהל זילבען אין א שורע, און די דאזיגע מיטלען זיינען דורך דעם איינפלוס פון פראנצויזיש און איטאליעניש אויך אריין אין ענגליש. ענגליש איז אבער אויך א גערמאנישע שפּראך. האט די פּאעזיע פון די ענגלענדער אריינגענומען אויך מאנכע דיכטערישע עלעמענטען פון דעם אלטען גערמאנישען שפּראך־אויצער. אזא איז די אליטעראציע,

דאס קאמבינירען ווערטער, וועלכע הויבען זיך אן אדער פליסען אין די זעלבע קלאנגען. אנגלא־זאקסיש — דער גערמאנישער פאטער פון ענגליש — האט זיך זעהר א סאך באנוצט מיט דער אליטעראציע.

צומאל האבען ביי די ענגלענדער — ווי ביי די איטאליענער — גענומען הערשען ווייסע פערזען, ד. ה. אויסגעהאלטענע געזעצמעסיגע ריטמען, אבער אהן גראמען. די דאזיגע ריטמען האבען זיך ספעציעל צוגעפאסט צו דעם גייסט פון ערענסטקייט און פילאזאפישקייט מיט וועלכער די ענגלישע דיכטונג צייכענט זיך אזוי אפט אויס. שעקספיר אין זיינע דראמען און מילטאן אין זיין טיפזיניגען פילאזאפישען „פארלוירענעם גאן־איידען" האבען זיך הויפטזעבליך באנוצט מיט די בלאנקע, אדער ווייסע פערזען.

אט די אלע פארשידענע באמיהונגען פון די פארשידענסטע דיכטער אין אלע שפראכען זיינען א רעזולטאט פון דעם אינערליכען באוואוסטזיין, אז אין דער פאעזיע איז ניט בלויז דער טאך, דער אינהאלט וויכטיג, נאר אויך די קלאנג־סוידעס פון דער שפראך, וועלכע אנטהאלט דעם טאך. די פאעטען האבען שטענדיג געפיהלט, אז זייערע ווערק מוזען זיין מוזיקאליש, מוזען פליסען אין א געוויסער מעלאדיע.

די אלע אויסגערעכענטע עלעמענטען פון מוזיקאלישקייט זיינען וויכטיג יעדערער פאר זיך, און ווען איין איינציגען פאעט געלינגט אמאל צו קאמבינירען אלע עלעמענטען מיט אמאל, באקומט זיך א וואונדערבארער עפעקט, אזא מוזיקאלישקייט, וואס איז — שיינט מיר — נאך רייכער, ווירקזאמער, ווי די פון דער אייגענטליכער מוזיק, ווייל עס איז א מוזיק ניט פון נייטראלע קלאנגען נאר פון לעבעדיגע ווערטער פון דער מענשליכער שפראך. זי רעדט דעריבער דירעקטער, באצויבערענדיגער, און צו גלייכער צייט — מיסטעריעזער. צו אזא זעלטענער מאדרייגע האבען דערגרייכט בלויז זעלטענע פאעטען. אמאל קאלרידזש אין ענגלאנד, אמאל ווערלען אין פראנקרייך, אמאל בעלמאנט און בריוסאוו און טיילוויז אויך סאלאגוב אין רוסלאנד, צומאל דעהמעל אין דייטשלאנד און איבער אלע — דער אמעריקאנער עדגאר עלען פאו.

ווען מיר קומען צו דער היינטיגער צייט מיט איהר נייגונג צו די אזוי גערופענע „פרייע פערזען", האט מען פאר זיך א מאדנעם פאראורטייל. עס איז אן אלגעמיין־פארשפרייטער טאעס, אז אין די פרייע פערזען דארף ניט זיין קיין מעלאדישקייט, קיין ריטם. און אט דעם טאעס זיינען, עמעס, ניט שולדיג די לעזער אליין. מאנכע פאעטען, וועלכע שרייבען פרייע פערזען פארגעסען אן דעם קלאל, אז יעדע פאעזיע, אויך די ווער־ליבריסטישע, מוז זיין מוזיקאליש, ריטמיש. פילע ווער־ליבריסטען זוכען ניט זעלטען ארויסצורופען א מין אפטי־



שען עפעקט, פאר'ן אויג, אנשטאט אן אקוסטישען, פאר'ן אויער. דער אפטישער עפעקט האט טאקע אויך א ווערט, אבער בלויז דאן, ווען ער העלפט דעם אקוסטישען.

דאך מאכען די פאעטען אליין פיל ווייניגער א טאעס אין אט דער הינזיכט, ווי די לעזער, אפילו ווען צווישען די לעצטע געפינען זיך אליין פאעטען, נאר אזוינע, וואס שרייבען אין רעגעלמעסיגע ריטמען מיט גראמען.

די לעזער לייקענען אפ ריטם אפילו דארט, וואו ער איז אבסאלוט דא. אין דעם איז שולדיג, שיינט מיר, ניט מעהר, ווי די געוואוינהייט. מען איז געוואוינט צו קלינגענדיגע, זיך אפט און רעגעלמעסיג ווידערהאלענדיגע טאקטען, און אין אלץ וואס פארמאגט דאס ניט, הערט מען ניט קיין ריטם. אבער ווי אין פאל מיט יעדער געוואוינהייט, קאן מען זיך אויך דא פון איהר אפגעוואוינען, און איך בין זיכער, אז דער וואס לעזט באשטענדיג פרייפערזיגע לידער, אנטדעקט שוין מיט דער צייט א ריטם אין זיי און קריגט איהם אויך ליב. ער אנטפלעקט אין איהם נייע נויאנסען, נאך ניט געהערטע און ניט געאהנטע, און די הויפטזאך — אינדיווידועלע.

מען קאן פרעגען: צו וואס דארף מען די „פרייע פערזען" אינגאנצען? אויב עס דארף אין זיי אויך זיין ריטם און מוזיק, קאן מען דאך זיי גיט שרייבען לייכט, איז דאך שוין גלייכער צו שרייבען רעגעלמעסיגע ריטמען און מיט גראמען.

קוידעם קאל מוז קאטעגאריש אפגעפרעגט ווערען די לעגענדע וועגען לייכטקייט. פרייע פערזען איז זיכער ניט „לייכטער" צו שרייבען, ווי מעטרישע און געגראמטע. די וואס מיינען, אז ווען א פריי־פערזיגער דיכטער באקלאגט זיך דערויף, אז די געגראמטע און רעגעלמעסיגע ריטמען באשרענקען זיין פרייהייט, טוט ער עס דערפאר, ווייל זיי זיינען פאר איהם ש ו ו ע ר ע ר, — די ווייסען ניט, בעמכילע, וואס זיי רעדען. די געפאדערטע גרעסערע פרייהייט האט גארניט צו טאן מיט לייכטערקייט. מען פאדערט מעהר פרייהייט פאר דער אינערליכער, אינדיווידועלער עקספרעסיע. אט די עקספרעסיע ווערט געצאמט פון די אלטע מעטערען און פון די גראמען. אבער דאס מיינט ניט, אז דעם פרייען פערז איז לייכטער צו שרייבען, אדער אז ער דארף ניט אנטהאלטען אלע אדער א גרויסען טייל פון די מוזיק־עלעמענטען, וואס די ביז־איצטיגע דיכטונג.

דעם פרייען פערז דארף מען טאקע בלויז דערפאר, ווייל ער גיט א גרעסערע מעגליכקייט דעם פאעט אויסצודריקען א קאמפליצירט אינערליך לעבען, און אויך דעם אינדיווידועלסטען, פאר איהם צוגעפאסטסטען אויפען.

די אלע מעטרען זיינען קליינע, איינפאכע און דערצו איינטאניגע אריעס. ווען מען לעזט אביסעל א גרעסערע פאעמע אין דעם זעלבען ריטם, ווערט עס מאנאטאן און מיעס. פילע פאעטען פיהלען דאס און זיי בייטען — אין זייערע גרעסערע ווערק — דם ריטם פאסוסווייז, דאך איז דא ניט מעגלך קיין גרויסע וואריאציע. אויך העלפט עס ניט צו דער מאנאטאניע פון די איינצעלנע פאסוסען.

דער פרייער פערז איז דאס, וואס מען רופט אין דער מוזיק א פוגע, אדער נאך ריכטיגער א סימפאניע. ער באשטעהט ניט פון איין אפט זיך ווידערהאלענדיגער איינפאכער, מאנאטאנער אריע, נאר פון פאשיעדענע אריעס צענויפגעמישט, פון פארשיעדענע צענויפגעוועבטע שטימען און טענער. איז עס א קלענער ליד — איז דאס אויך ניט מאנאטאן נאר פארבען־און טענער־רייך. איז עס א גרעסער ליד, ליידט עס געוויס ניט פון מאנאטאניע, און די באזונדערע פאסוסען זיינען אויך פריי דערפון.

כוץ דעם איז אין דעם פרייען פערז מעגליך אריינצופיהרען די אזוי גערופענע דיסהארמאניע, וועלכע מאכט דאס ליד רייכער, אויך עמעסער, מעהר אנטשפרעכענד די היינטיגע זעלישע איבערלעבונגען. אין דער פריהערדיגער פאעזיע איז דאס אזוי גוט, ווי ניט מעגליך געווען, און די פרימיטווע הארמאניע, די טעמפע אפגערונדקייט אין איהר, איז אפטמאל ניט צו דערליידען פריקרע. ענדליך איז אין דעם פרייען פערז ניט מעגליך די זינגעוודיגקייט, דאס קלינגלען, וואס מאכט די געגראמטע און רעגעלמעסיג־מעטרישע לידער אזוי אפט עהנליך צו ביליגע קופלעטען, צוליב וואס מען קאן זיי אויך קעמאט ניט לעזען.

דער פרייער פערז קאן אבער זיין רייכער, ברייטער, טיפער און פארשידענארטיגער, ווי דער אלטער פערז, בלויז מיט איין באדינג: אז ער זאל ניט פארזעהן די מוזיקאלישע עלעמענטען, נאר פארקעהרט זיך מיט זיי באנוצען אויף דעם אינטענסיווסטען אויפען.

אין אט דער הינזיכט קאנען באהילפיג זיין אלע פון פריהער באקאנטע מיטלען: די אלטע ריטמען (אבער אנדערש און אומערווארטעט קאמבינירט) די אליטעראציע, אפילע דער גראם. דאס אלץ ווידער, דארף זיין אונטערווארפען דעם נאטירליכען, אינערליכען ריטם, דעם ריטם פון דער אינדיווידועלער, איבערגעלעבטער שטימונג, זעהונג, געפיהל; דעם נאטירליכען שטייגען און פאלען פון דעם געמיט־צושטאנד ווי אויך דעם נאטירליכען שטייגען און פאלען און דעם נאטירליכען פ ל י ס פון דער שפראך און פון דעם מענשליכען אטעם.

דענסמאל, און בלויז דענסמאל, קאן דער פרייער פערז בעעמעס זיין א נייער פאעטישער אינסטרומענט, פול מיט די גרעסטע מעג־



ליכקייטען, רייך מיט די פיינסטע, דינסטע, אינדיווידועלסטען ניואנסען און שאטירונגען.

אין דעם פרייען פערז באקומט אויך א נייעם ווערט, א ניי לעבען, די ש ו ר ע. אין די אלטע פערזען ווערט די שורע באדינגט אדער פון דעם מעטער, אדער — נאך עפטער — פון דעם גראם. דאס ברענגט דערצו, אז די לענג פון די שורע איז אפטמאל זעהר ווילקירליך. ניט זעלטען ווערט זי „אויסגעבעט“ מיט איבעריגען שטאף. ווער ווייס ניט, ווי אפט אין אידיש ווערט אין דער שורע אריינגערוקט דאס ווארט „גאר“ אדער דאס אוממעגליכע ווארט „רק“ צוליב אזא אויסבעטונג? און ווי אפט מאכט מען אומגעלומפערטע ווערטער־פארקירצונגען צו דערגרייכען דעם זעלבען צוועק.

אין דעם פרייען פערז האבען אזוינע פאעטישע „פרייהייטען“ קיין שום ארט נים. עס איז אין איהם ניטא קיין פלאץ פאר איבעריגקייטען. יעדע שורע מוז זיין אויף איהר פלאץ, א פולע שורע — לויט דעם אינערלכען ריטם פון דעם גאנצען ליד, לויט דעם פאעטישען זין לויט דעם אינדיווידועלען אטעם פון דעם דיכטער.

בלויז די, וואס האבען גאר קיין כוש ניט פאר דער פאעטישער קונסט, קאנען פרעגען קלאץ־קאשעם: אויב ניט קיין (רעגעלמעסיגער) ריטם און ניט קיין גראם — צו וואס „צוהאקען“ די שורעם? צו וואס קורצע און לאנגע שורעם? עס איז עמעס, אז ניט אלע דיכטער, וואס שרייבען פרייע פערזען האבען דאס נויטיגע פארשטענדעניש פאר דער שורע אין א ליד. עס איז עמעס, אז ביי פילע איז די לענג און דאס „האקען“ פון דער שורע גאנץ ווילקירליך. באווייזט דאס אבער ניט מעהר, ווי אז אט די דיכטער דארפען נאך בייקומען עפעס אין זיך, אז זיי זיינען נאך ניט רייף גענוג. קיין אנקלאגע קעגען דער פריי־פערזיגער שורע קאן עס אבער ניט זיין. ביי דעם רייפען ווערליבריסטישען דיכטער איז די שורע אויף איהר פלאץ, זי קאן ניט געביטען ווערען, זי איז א נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט.

אזא דארף זי ווערען ביי אלע וואס שרייבען פרייע פערזען. דערצו מוזען אט די דיכטער אומבאדינגט שטרעבען.

דער פרייער פערז איז א נייער פאעטישער אינסטרומענט. ער ק א ן ווערען דאס בעסטע, פיינסטע מיטעל פון פאעטישער עקספרעסיע — ווען געהעריג פארשטאנען און אויפגעפאסט. ער איז א נייע זאך אין אלע שפראכען, און באזונדערס אין אידיש. אין אידיש האט מען ביז איצט בעקלאל ניט אינטערעסירט זיך מיט פאעטישע מעטאדען און מיטלען, און דערפאר, ווען מען האט דא גענומען שרייבען פרייע פערזען, איז בלויז ארויסגעקומען א גרויסע צעטומלעניש.

אז דער פרייער פערז מז זיין ניט וועניגער — ער דארף פאקטיש

זיין מעהר! — מוזיקאליש, ווי דער אלטער, האָט מען גאָרניט פאר־שטאנען. און דערפאר האבען מיר פאר זיך אזא ערשיינונג, אז דיזעלבע פּאָעטען וואָס אין גראַמען און אין רעגעלמעסיגע ריטמען האבען זיי געגעבען גאנץ „קלנגעלדינגען" שטאָף (דאָס האָט מען גערופען מוזי־קאליש) זיינען פּראזאאיש, גענצליך מוזיקלאָז, אומגעלומפּערט־צעצוי־גען, ווען זיי פּרואווען זיך שרייבען „פריי". דאָס וואָס זיי שרייבען איז אינדערעמעסען ניט פריִיע פערזען, נייערט פריִיע פּראָזאַ.

אזוינע דארפען עפּשער גאָר ניט שרייבען קיין פריִיע פערזען, און געוויס טאָר מען זייערע זאכען ניט באטראכטען און ניט נעהמען אלס מוסטער.

עכטע פריִיע פערזען מוזען זיין מוזיקאליש, מוזען זיין „אויסגע־האלטען" (כאָטש לויט אן אנדערען, א פיעל רייכערען און ברייטערען קריטעריום, ווי אמאָל) און בלויז דאן האבען זיי א ווערט. בלויז דאן זיי־נען זיי א „נייע אנטפלעקונג", ווי יעדער עטאַפּ אין קינסטלערישער אנטוויקלונג דארף זיין.

---

יעקב סטאָדאָלסקי:

## ווייסע בלומען

1

אויף די דערנער,
ארום די ווייסע בלומען,
וואָס דו האָסט אין דער נאכט
פאר מיר אָפּגעריסען,
האָב איך
דאָס בלוט פון דיינע איידעלע פינגער
אויף זיי דערקענט.
האָב איך
מיט צעבלוטיגטע ליפּען
געקושט די דערנער —
דיין פארגאָסען בלוט פאר מיר.
אָבער —
ווי טייער דיינע ווייסע בלומען זיינען ניט געווען פאר מיר,
האָב איך זיי דאָך פאר מיר ניט געהאלטען.
איך האָב זיי
צו די בעטענדיגע אויגען
פון אן אָרים קינד פון גאַס אָפּגעגעבען.
אין דער דאנקבארקייט פון דעם קינד'ס אויגען
האָב איך דערזעהען,
די בראָכע פאר אונז ביידען.

2

דער גלאנץ פון דיינע אויגען
צינדט אָן
די אויסגעלאָשענע ליכטער
אין די פארבאָרגענע היילען פון מיין לעבען.
דיינע אויגען
היילען די קראנקע שאָען,
וואָס קוקען פון מיינע אויגען ארויס
און ברענגען מיך צו דעם געמיט
פון א גאָט אין רוה.

3

נעכטען ביינאכט
האָב איך זיך מיט דיר געזעגענט.
ווען איך בין שוין אויף מיין היים־וועג געווען
האָט די גאנצע געגענט,
און איך,
אָן דיר זיך ווידער פארבענקט.
האָב איך מיין קאָפּ
צו דיין וועג געווענדט,
און מיינע הענט
אין דער פינסטערניש, צו דיר געצויגען.
עפּשער
וואָלט דער טאָג געלאכט,
ווען ער זעהט מיך
מיט אויסגעשטרעקטע הענד צו דיר.
אָבער די נאכט
איז זעהר גוט געווען צו מיר.

4

די נאכט
האָט אירע לעצטע שלייערען,
פון די גאָסען אויפגעהויבען